


# ביורא פון פובליק ארבעט

## א וועגווייזער פאר ארבעטסגעבער – ארטיקל 8

### ארטיקל 8

דער ביורא פון פובליק ארבעט איז פאראנטווארטליך פאר די אדמיניסטראציע פון ארטיקל 8 פון די NYS לעיבאר געזעץ. דאס איז באקאנט אלס די אנגייענדע וועידזש געזעץ פאר קאנסטראקשאן, ריקאנסטראקשאן, מעינטענענס און פארריכטן פובליק פראפערטי און פאסיליטיס ערלויבט דורך די סטעיט און אלע אירע פאליטישע סאבדיוויזיעס. עס איז נישט דא קיין גרעניץ קאנטראקט דאלער סומע פאר ארטיקל 8 צו זיין גילטיג.

די אנגייענדע וועידזשעס איז באשטומט דורך די קאמישאנער פון לעיבאר און ווערט יערליך ארויסגעגעבן, גילטיג פון יולי 1 ביז די פאלגנדע יוני 30. וועידזש סקעדזשולס ווערן ארויסגעגעבן אויף א קאונטי ביי קאונטי באזיס און אנטהאלט וועידזש ראטעס פאר יעדע ארבעט קלאסיפיקאציע.

### וועידזשעס

- ארטיקל 8 פאדערט ארבעטסגעבער צו באצאלן ארבעטער נישט ווייניגער ווי די אנגייענדע ראטע און צואגבע בענעפיטן פאר די פאך וואו זיי ארבעטן
- איינצלנע אייגנטומער, אייגנטומער-אנפירער און פארטנערס זענען געוועגליך נישט געפאדערט צו ווערן באצאלט די אנגייענדע וועידזש; ארבעטער פאר א קארפאראציע זענען עמפלויאיס און דארפן באצאלט ווערן די אנגייענדע וועידזש
- אפרענטיס ראטעס קענען נאר ווערן גענוצט ווען ארבעטער NYS נעמען אנטייל אין א פראגראם רעגיסטרירט מיט די קאמישאנער פון לעיבאר
- ארבעטסגעבער ווערן געפאדערט צוצושטעלן שריפטליכע מעלדונגען צו אלע ארבעטער מיט די אנגייענדע וועידזש פער שעה און צוגעקומענע ראטע(ס) מיט יעדע פעי סטאב.

### צואגבע בענעפיטן

צואגבע בענעפיטן (פרינדזש בענעפיטן) קענען געגעבן ווערן פאר ארבעטער אלס:

- קעש באצאלונגען
- ביישטייערונגען צו א קאסע, פלאן אדער פראגראם וואס זיי קענען נישט צוריקנעמען (אזויווי ריטייערמענט אדער העלט בענעפיטן)
- א צוזאמשטעל פון די אויבנדערמאנטע.

### שטונדן

ארבעטער מעגן נישט ארבעטן מער ווי אכט שטונדן א טאג אדער פינף טעג א וואך אויסער אין אויסערגעוויינליכע אומשטענדן וואס פאדערן אווערטיים. די ארבעטסגעבער און קאנטראקטינג אגענטור מעג דאן זיך איינגעבן פאר ערלויבעניש צו ארבעטן נאך טעג אדער שטונדן דורך א דיספענסאציע פון שטונדן (PW30).

### הויפט קאנטראקטער פאראנטווארטליכקייטן

- גיבט אריין א קאפיע פון די פראיעקט וועידזש סקעדזשול פאר אלע סובקאנטראקטערס.
- באקומט א באשטעטיגטע באריכט אז אלע סובס האבן באקומען דעם סקעדזשול
- גיבט אריין דער באריכט צו די קאנטראקטינג אגענטור

### פעיראל רעקארדס

ארבעטסגעבער ווערן געפאדערט אריינצוגעבן סערטיפייד פעיראל ראקארדס צו די קאנטראקטינג אגענטור פאר יעדע וואך געארבעט. דער ארבעטסגעבער'ס אריינגעבונג פון די רעקארדס צו די קאנטראקטינג אגענטור איז א באדינגונג פון באצאלונג. דער ארבעטסגעבער מוז האלטן די אריגינעלע סערטיפייד פעיראל רעקארדס פאר נישט ווייניגער ווי זעקס יאר (פער ארטיקל 6, לעיבאר געזעץ NYS טייל 195 (4) פון).

די רעקארדס מוזן ענטהאלטן:

- דער ארבעטערס נאמען, אדרעס און לעצטע פיר נומערן פון זייער סאושל סעקיוריטי נומער
- די שטונדן און טעג געארבעט דורך יעדע ארבעטער
- דער באשעפטיגונג(ען) אדער קלאסיפיקאציע(ס) וואס די ארבעטער האבן געארבעט
- די וועידזש פער שעה און צואגבע בענעפיטן געצאלט אדער געגעבן

### OSHA 10 טרעינירונג

ארבעטסגעבער מוזן פארזיכערן אז אלע ארבעטער אויף א פובליק ארבעט קאנטראקט פון איבער $250,000 זענען באשטעטיגט אלס פארענדיגנדע כאטש און OSHA 10-שעה'יגע זיכערהייט קורס. א קאפיע פון דער באווייז מוז ווערן אריינגעגעבן צו די קאנטראקטינג אגענטור. איינמאל א מענטש האט געענדיגט דעם קורס און האט באווייז דערפון, טוט ניו יארק סטעיט נישט פאדערן קיין באנייאונג. באמערקט אז דער NYC קאמפטראלער האט אנדערע פאדערונגען אריינגערעכנט א באנייאונג יעדע פינף יאר.

## פארלאנגטע שילדן

ארבעטסגעבער ווערן פארלאנגט צו ארויסשטעלן די פאלגנדע אויף
אלע פובליק ארבעט פראיעקטן:

- אנגייענדע ווידזש ראטע סקעדזשול
- פובליק ארבעט שילד
- פעיר פלעי אקט שילד
- ארבעטסלאזיקייט אינשורענס שילד
- דיספענסאן פון שטונדן שילד (ווען גילטיג)
- ארבעטער'ס קאמפענסאציע שילד
- דיסאביליטי בענעפיטן שילד

## ביורא פון פובליק ארבעט דיסטריקט אפיסעס

### צענטראלע אפיס

Bureau of Public Work
State Office Campus
Building 12, Room 130
Albany, NY 12226
טעל. **518-457-5589**

### ALBANY

State Office Campus
Building 12, Room 134B
Albany, NY 12226
טעל. **518-457-2744**

### BINGHAMTON

State Office Building
44 Hawley Street, Room 908
Binghamton, NY 13901
טעל. **607-721-8005**

### BUFFALO

State Office Building
Main Street 284
Buffalo, NY 14202
טעל. **716-847-7159**

### GARDEN CITY

400 Oak Street, Suite 102
Garden City, NY 11530-6551
טעל. **516-228-3915**

### NEWBURGH

The Maple Building
3 Washington Center, 4th Fl
Newburgh, NY 12550
טעל. **845-568-5287**

### NEW YORK CITY

.Adam Clayton Powell Jr
State Office Building
163 W 125th Street, Room 1307
New York, NY 10027
טעל. **212-932-2419**

### PATCHOGUE

160 S Ocean Avenue, 2nd Fl
Patchogue, NY 11772
טעל. **631-687-4882**

### ROCHESTER

109 S Union Street, Room 312
Rochester, NY 14607
טעל. **585-258-4505**

### SYRACUSE

333 E Washington Street
Room 419
Syracuse, NY 13202
טעל. **315-428-4056**
**315-428-4671** Fax

### UTICA

State Office Building
207 Genesee Street, Room 603B
Utica, NY 13501
טעל. **315-793-2314**

### WHITE PLAINS

120 Bloomingdale Road
Room 204
White Plains, NY 10605
טעל. **914-997-9507**

דער ניו יארק סטעיט דעפארטמענט אוו לעיבאר איז אן אייניגע געלעגנהייט ארבעטסגעבער\פראגראם.
אדער 1-800-662-1220 (ענגליש) / 1-877-662-4886 TTY/TDD 711 בייהילפיגע הילפסמיטלען און סערוויסעס זענען אוועילעבל לויטן פארלאנג און אומזיסט פאר מענטשן מיט באגרעניצונגען.